UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Religye Un Shtot In Yisroel

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/54n275p6

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

Author
Hanukh Silver, Khanekh Silber/

Publication Date
1980

Copyright Information
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

## 5. ווערטער

כ'וואָלט פאַרשלעפּט פון ווערטער
און ווייס ניט
ווי לאַנג ס'וועט אַזוי אָנגיין.
איך פלאָנץ זיך
אַלע מאָל איבער
אין אַן אַנדער שטילקייט.
צי אויס די שאָטנס
אַזוי דיך
ווי איך קאָן זיך
אין זיי אויפהאַלטן.
אַזוי ווייט,
ווי איך קלעק
פאַר ענדער.

## 6. די וואַרטענישן

די וואַרטענישן
ווערן בלויער,
ביז זיי ווערן איבערן בליק,
ווי אַ הימל.

און ווער סע וויל,
שטייט אונטערן דאָזיקן הימל,
ביז זיין דויער
נעמט אויך בלויען.
ביז ער ווערט
אַליין אַ דערוואַרטונג,
וואָס מען וואַרט אויף אים.

## 7. איך חתמה זיך

איך חתמה זיך
מיט אַ חלום
אויף יעדן מעת־לעת,
און גיי ווייטער
אין דער אומשולדיקער שנעלקייט.
כ'האָב שוין פאַרשריבן
די גאַנצעווירקלעכקייט
מיט אונטערשריפטן,
און איצט
וועל איך נאָך דאַרפן
אַזוי אונטערשרייבן
דעם טויט.

חנוך סילבר / קיבוץ אורים, ישראל

# רעליגיע און שטאַט אין ישראל

הייראַט... גט... חליצה... כהן און גרושה ... ממזר... גיור... ווער איז אַ ייד?... שבת רו... כשרות סערטיפיקאַטן... רעפאָרם און קאָנסערוואַטיווע רבנים און שולן —

אויף אָט די אַלע געביטן זיינען דאָ אין ישראל ערנסטע מיינונגס אונטערשיידן, מחלוקות, רייבונגען און קאָנפליקטן.

### חתונות און גטן

הגם ישראלס אומאָפּהענגיקייטס דע־קלאַראַציע האָט פּראָקלאַמירט „פּאָליטי־שע און סאָציאַלע גלייכהייט פאַר אַלע אירע בירגער אָן אונטערשייד פון רעלי־גיע, ראַסע און געשלעכט", איז אָבער די ווירקלעכקייט אַ היבש ביסל אַנדערש. דער געזעץ פון „פּערזענלעכן סטאַטוס", דאָס הייסט, די ענינים פון חתונה און גט, ווערן אָנגעפירט פונקט ווי אין די טער־קישע צייטן, און האָבן זיך אייגנטלעך ניט געענדערט זינט יהושע בן־נון האָט איינ־גענומען דאָס לאַנד. דער געזעץ דערלויבט יעדער אָנערקענטער רעליגיעזער געמיינ־שאַפט (יידן, מחמדאַנער, קריסטן, דרוזן) צו פירן זיך אין איינקלאַנג מיט די אָנ־ווייזונגען פון הלכה. ספּעציעלע בתי־דין און דיינים, נאָמינירט פון די הויפּט־רבנים, האָבן די אויסשליסלעכע יורידישע

רעכט אויפן געביט פון הייראַט און גט. דאָס מיינט, אַז אויב איין פּאַרטנער איז אַ ייד און דער צווייטער פון אַן אַנדער געמיינשאַפט קאָנען זיי ניט חתונה האָבן אין ישראל. (זיי מוזן פאָרן קיין אויסלאַנד, דאָרט חתונה האָבן און קומען צוריק ווי אַ געזעצלעך פּאָר פּאָלק).

די הלכה פאַדערט אַז אַן אַלמנה, וואָס האָט ניט קיין קינדער פון איר מאַן, קאָן הייראַטן בלויז אַ ברודער פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. אויב דער ברודער וויל ניט דאַרף ער געבן דער פרוי חליצה, אַ צערעמאָניע וואָס טייל מענטשן האַלטן אַז זי דעגראַדירט די פרוי. און אויב דער מאַן אַנטזאָגט זיך צו געבן חליצה קאָן די פרוי קיין מאָל ניט חתונה האָבן.

לויט דעם יידישן דין קאָן אַ כהן ניט חתונה האָבן מיט אַ גרושה. „אשה זונה וחללה לא יקחו (הכהנים) לאשה, ואשה גרושה מאישה לא יקחו" (ויקרא ז:כא). ווער איז אַ כהן? דער וואָס הייסט כהן אָדער לוי (אין אַלע וואַריאַציעס), כץ (כהן צדק, קאַצענעלסאָן, קאַצענעלבאָגען) אאַ"וו, אָדער אַ ייד וואָס באַקומט די ערשטע עליה אין שול.

די הלכה באַציט זיך מיט גרויס פאַרזיכטיקייט צו יעדן ענין פון עגונות, ד"ה, פון פרויען וועמעס מענער זיינען נעלם געוואָרן. זי פאַדערט עדות פון מענטשן וועלכע קאָנען באַשטעטיקן אַז זיי האָבן פערזענלעך געזען ווי דער מאַן איז אומגעקומען. אויב אַזעלכע עדות זיינען ניטאָ מוז די פרוי פאַרבלייבן „אַן אייביקע עגונה", זי קאָן קיין מאָל ניט חתונה האָבן כאָטש קיין מאַן האָט זי ניט.

אויב אַ קינד איז געבוירן געוואָרן ביי אַ פאַרהייראַטער פרוי פון אַ מאַן וועלכער איז ניט איר געזעצלעכער מאַן, איז דאָס קינד אַ ממזר, און אַ ממזר קאָן קיין מאָל ניט הייראַטן („לא יבוא ממזר בקהל ה', גם דור עשירי לא יבוא לו בקהל ה'— דברים כ"ג:ג).

לויט דער הלכה קאָן בלויז אַ מאַן אָפּגטן זיין פרוי, און ניט פאַרקערט. ווען דער מאַן פאַרעקשנט זיך און וויל ניט געבן קיין גט, אָדער פאַדערט אַז די פרוי זאָל אים באַצאָלן פאַרן גט, דאַן איז דער בית-דין אין אַ שווערער לאַגע. אמת, ער קאָן גוזר זיין אַז דער מאַן מוז אָפּגטן, און מיט דער צושטימונג פון ציווילן געריכט אים אפילו אַריינזעצן אין תפיסה, איז אָבער די ענדגילטיקע אַנטשיידונג פאַרט דעם מאַנס — אָן זיין צושטימונג קאָן די פרוי קיין מאָל ניט באַפרייען זיך פון אים.

## ווער איז אַ ייד?

אַט די אַלע באַגרעניצונגען, הגם זיי באַרירן אַ רעלאַטיוו קליינעם פּראָצענט פון די איינוווינער, שאַפן כל מיני צרות און עגמת נפש. די פראַגע ווער איז אַ ייד איז צוערשט אויפגעשווומען ווי אַ פּראַקטישער ענין מיט דעם אויפקום פון דער מדינה. ביז דאַן איז געווען אָנגענומען אַז דער איז אַ ייד וואָס באַטראַכט זיך אָדער ווערט באַטראַכט פון אַנדערע ווי אַ ייד. די הלכה זאָגט אַז אַ ייד איז איינער וואָס איז געבוירן פון אַ יידישער פרוי אָדער איז זיך מגייר געווען. פון דעם איז אַרויסגעקומען דער אַבסורד אַז אַ באַוווּסטער אַראַבישער טעראָריסט איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ יידן ווייל ער האָט געהאַט אַ יידישע מאַמע. און אַ הויכער אָפיצער אין דער אַרמיי, וועמעס זין זיינען געבוירן אין לאַנד, זיך געלערנט אין העברעישע שולן, געדינט אין דער ישראל אַרמיי, אַט די זין זיינען אָפיציעל פאַררעכנט געוואָרן פאַר קריסטן ווייל זייער מוטער איז אַ געבוירענע קריסטין האָט זיך קיין מאָל ניט מגייר געווען.

הינט-צו-טאָג איז גילטיק די אַנטשיידונג פון העכסטן געריכט אין דעם רופאייזן פאַל. רופאייזן, אַ פּוילישער ייד, וואָס האָט זיך געשמדט, איז געוואָרן אַ מאָנאַך אין דער קאַטוילישער קירך אין ישראל, האָט אָנגעגעבן אַ בקשה פאַר בירגערשאַפט אויפן סמך פון חוק השבות (וואָס גיט רעכט אויף בירגערשאַפט יידישע אימיגראַנטן באַלד ביי זייער אָנקומען אין לאַנד) דערפאַר ווייל ער איז געבוירן אַ ייד. דער פסק-דין פון געריכט איז געווען: אַזוי ווי דאָס געזעץ דעפינירט ניט פראַגע פון ווער איז אַ ייד, דאַרף דער דאָזיקער טערמין אויסגעטייטשט ווערן לויט די אַלגעמיין אָנגענומענע באַגריפן. די דאָזיקע באַגריפן, זאָגט וויי-

טער דאָס געריכט, שליסט אויס די מעג־לעכקייט פון באַטראַכטן ווי אַ ייד אַ מענטש וועלכער האָט אָפיציעל אַנגענומען אַן אַנדער רעליגיע, אָפּגעזען פון זיין שטאַם. אין אַנדערע ווערטער: אַ ייד איז איינער וואָס איז געבוירן צו אַ יידישער מוטער און איז ניט קיין מיטגליד פון אַן אַנדער רעליגיע.

## גיור

אָבער ווי אַזוי ווערט אַ מיטגליד פון אַן אַנדער רעליגיע אַ ייד? דער ענטפער איז דורך גיור. דער זעלביקער חוק השבות, וואָס דערלויבט (כמעט) אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן פאַר יידישער אימיגראַציע אין לאַנד, דעפינירט אַ יידן ווי איינער וואָס איז געבוירן צו אַ יידישער מוטער אָדער האָט „זיך מגייר געווען." עס זאָגט אָבער גאָר ניט וועגן דעם סאָרט גיור. היינט־צו־טאָג ווערן אַריינגעלאָזט אויך אַזעלכע וואָס זיינען מגייר געוואָרן פון אַ קאָנסערוואַטיוון אָדער רעפאָרמירטן רב. די נייע בעגין רעגירונג האָט זיך אונטער־גענומען אין איר אָפּמאַך מיט די רעליגי־עזע פאַרטייען, צו אַמענדירן דעם געזעץ דורך צוגעבן אין וואָרט — „כהלכה", לויט די אָנווייזונגען פון דער הלכה. אַזאַ מין אַמענדמענט וואָלט באַגרענעצט די אימיגראַציע בלויז צו ניט־יידן וועלכע האָבן זיך מגייר געווען ביי אָנערקענטע אָרטאָדאָקסישע רבנים. איך שטרייך אונ־טער פון אָנערקענטע, ווייל אפילו גיור וואָס איז געמאַכט געוואָרן לויט דער הלכה אָבער ניט פון אָרטאָדאָקסישע רבנים וואָלט געווען פסול.

## וואָס וויל די אָרטאָדאָקסיע?

דער פּאָליטישער כוח פון אָרטאָדאָק־סישן ייִנדנטום אין ישראל בעמט זיך פון דעם וואָס זייערע 3 פּאַרטייען שטעלן פאַר מיט זיך 12-13 פּראָצענט פון דער כנסת מיטגלידערשאַפט (קיין מאָל נישט גרע־סער פון 14-15%), וואָס איז גרויס גענוג פאַר דער פירנדיקער פּאַרטיי צו פאָרמירן אַ קאָאַליציע און אַזוי אַרום באַקומען אַ סטאַבילע מערהייט אין דער כנסת. די רע־ליגיעזע פּאַרטייען האָבן געוווסט ווי אויס־צונוצן זייער שליסל־פּאָזיציע כדי אַרויס־צוקריגן קאָנצעסיעס ביי דער הערשנדי־קער פּאַרטיי.

די הויפּט פאָדערונגען פון די רעליגיע־פּאַרטייען (אַחוץ די וואָס זיינען אויבן אָנ־געמערקט) זיינען אויפן געביט פון שבת־רו, אָפּעראַציעס נאָכן טויט (ניתוח מתים), אַבאָרטן, כשרות. נאָך איין פאָדערונג — באַפרייען רעליגיעזע מיידלעך פון מילי־טער דינסט אויפן סמך פון פּערזענלעכע דעקלאַראַציעס — איז שוין דורכגעפירט געוואָרן אין דער כנסת.

דער איצטיקער געזעץ פאַרבאָט אַרבעט אום שבת סיידן דער באַלעבאָס פון דער אונטערנעמונג באַקומט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון אַרבעטס מיניסטעריום. דער אַמענדמענט פון די רעליגיעזע וויל צוגעבן אַז אַזאַ דערלויבניש זאָל געגעבן ווערן בלויז מיט דער הסכמה פון הלכישן טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. עס האָט שוין געטראָפן אַז אַ רעגירונג איז געפאַלן צו־ליב דעם וואָס די אַרמיי איז „פאַרפאַרן אין שבת" מיט אַ צערעמאָניע וואָס איז געגעבן געוואָרן אַן אַמעריקאַנער דעלע־גאַציע, וואָס האָט געבראַכט מיליטערישע עראָפּלאַנען קיין ישראל. די צערעמאָניע האָט זיך טאַקע געענדיקט פאַרן זון־פאַר־גאַנג פרייטיק אָוונט, נאָר די ישראלים זיינען צוריקגעקומען צו זייערע היימען אין ירושלים און תל־אביב שוין נאָך דעם ווי עס איז געוואָרן פינצטער!

אין ירושלים איז דאָ אַ נייער געגנט וואָס הייסט רמות, וווּ עס איז דאָ אַ רעלי־גיעזער יישוב פון סאַנדזער חסידים. לעבן דעם יישוב, אַ פּאָר הונדערט מעטער פון די נאָענטסטע הייזער, איז דאָ אַ הויפּט וועג, בריית גענוג פאַר זעקס אויטאָמאָ־בילן, וואָס איז אַ שנעל־וועג קיין תל־אביב און פאַרשטייט זיך, תמיד פול מיט פאַר־קער. יעדן שבת קלייבן זיך צונויף די חסידים און ישיבה בחורים און וואַרפן שטיינער אויף די אויטאָמאָבילן. עס איז ניטאָ קיין פאַרבאָט פאַר אויטאָמאָבילן צו באַנוצן די וועגן שבתים און ימים טובים. פאַרקערט, שטיינער וואַרפן, אום שבת צי אין דער וואָכן, איז שטרענג פאַרבאָטן אי לויט דער הלכה אי לויטן געזעץ. די עקסטרעמע „נטורי קרתא" מיטגלידער,

וואָס וווינען אין אַ צווייטן יישוב, מאה שערים, באַטייליקן זיך אין דער „מצוה" פון דינען גאָט דורך וואַרפן שטיינער. ווען אַ פירער פון די „נטורי קרתא" איז אַרעסטירט געוואָרן און געבראַכט פאַרן געריכט, האָט ער דערקלערט אַז ער אַנערקענט ניט די יידישע מדינה און איר רעגירונג און אַז ער זאָגט זיך אָפּ צו קאָאָפּערירן מיטן געריכט.

לויטן עקזיסטירנדיקן געזעץ מעג אַ דאָקטער אָפּערירן אַ מת, כדי פעסטצושטעלן די סיבות פון טויט, אָפּגעזען צי די משפּחה האָט געגעבן איר הסכמה צי ניט. מערסטע דאָקטוירים און מעדיצינישע אינסטיטוציעס האַלטן אַז ניתוח מתים איז אַ וויטיקער פאַרבאַדינג פאַר מעדיצינישן פראָגרעס. די רעליגיעזע גלויבן אַז ניתוח מתים איז אַ בזיון המת און פאָדערן אַ פאַרבאָט אויף אַזעלכע אָפּעראַציעס סיידן די משפּחה גיט איר שריפטלעכע הסכמה!

טערמינירן אַ שוואַנגערשאַפט דורך אַבאָרט איז איצט דערלויבט צוליב סאָציאַלע אָדער עקאָנאָמישע סיבות. די רעליגיעזע יידן פאָדערן אַז דער פונקט זאָל אַנולירט ווערן.
(ס'איז שוין אַנולירט געוואָרן.—רעד.)

כשרות איז איצט איינגעפירט אין דער אַרמיי. אַלע רעגירונגס אינסטיטוציעס און מערסטע רעסטאָראַנען און אַלע האָטעלן היטן אָפּ כשרות. די רעליגיעזע אָבער פּרובירן גיין ווייטער. דער ראַבינאַט אין ירושלים, וואָס האָט די אויפזיכט אויף כשרות אין די האָטעלן, אַנטזאָגט זיך צו געבן כשרות סערטיפיקאַטן צו האָטעלן וואָס היטן אָפּ אַלע דינים פון כשרות אין די קיכן, סיידן עס ווערן אויך אָפּגעהיט הלכה דינים בנוגע רויכערן אום שבת אין די לאָביס און עפנטלעכע זאַלן פון האָטעל, און דער געשעפטלעכער טייל (אויפנעמען געסט, מאַכן חשבונות, נעמען געלט) ווערט געטאָן שבת דורך גויים. שוין מאָנאַטן ווי עס קומט פאָר אַ שטרייט צווישן דעם ראַבינאַט און די האָטעל אייגנטימערס וועגן דעם ענין.

* * * * *

פאַרשטייט זיך אַז ביידע צדדים — די רעליגיעזע און די וועלטלעכע יידן — האָבן פאַרשיידענע ניואַנסן און פאָדערונגען. די עקסטרעמע צווישן די וועלטלעכע וואָלטן געוואָלט אַ פולע אָפּגעזונדערטקייט צווישן רעליגיע און שטאַט, פונקט ווי אין אַמעריקע: אַלע אמונות ווערן דערלויבט, אַלע זיינען באַפרייט פון שטייערן, נאָר די רעגירונג שטיצט ניט קיין רעליגיע, און די רעגירונגס־שולן זיינען ניט דערלויבט צו לערנען רעליגיעזע קעגנשטאַנדן איינשליסנדיק די ביבל. אַזאַ מין פּאָליטיק איז ניט מעגלעך אין ישראל צוליב פאַרשיידענע סיבות.

ס'זיינען פאַריבער בלויז אַ פּאָר הונדערט יאָר זינט די באַגריפן פון פאָלק און רעליגיע האָבן זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערטיילן אינד ער יידישער מחשבה. אין די תפוצות האָט די פאַנאַנדערטיילונג ניט געהאַט קיין גרויסע פּראַקטישע באַדייטונג ווייל קיין צד האָט ניט געקאָנט אַרויפצווינגען זיינע געדאַנקען אויפן צווייטן. די מאַקסימאַליסטן ביי די רעליגיעזע וואָלטן געוואָלט אַז די דינים פון שולחן ערוך זאָלן איינגעפירט ווערן אין ישראלס געזעלשאַפטלעכן און עפנטלעכן לעבן. זיי האָבן שלום געמאַכט מיטן געדאַנק אַז די גרויסע מאַיאָריטעט פון פאָלק האַלטן ניט פון דת משה וישראל און וואָלטן זיך צופרידנגעשטעלט מיט געזעצן וואָס צווינגען אַז די הלכה זאָל אָפּגעהיט ווערן אין עפנטלעכע און רעגירונגס אונטערנעמונגען. זיי באַגרייפן אַז אַזעלכע אונטערנעמונגען ווי וואַסערלייטונג, עלעקטריציטעט, פאַרקער און אַנדערע קאָנען ניט אָפּגעשטעלט ווערן יעדן זיבעטן טאָג און זיי וואָלטן מסכים געווען אַז די גלות אינסטיטוציע פון „שבת־גוי" זאָל איינגעפירט ווערן אין ישראל.

צו דעם אַלעמען מוז מען צוגעבן אַז דער פּאָליטישער יצר־הרע שפּילט אַ היפּשע ראָליע אין דער פילאָסאָפיע פון די רעליגיעזע. אין די פאַרגאַנגענע דורות האָט די הלכה, הגם זי איז אייביק גילטיק, זיך אַרויסגעוויזן בייגיק און צופּאַסנדיק צו געענדערטע אומשטענדן. אין אונדזערע צייטן אָבער האָט די אָרטאָדאָקסיע זיך אַרויסגעוויזן פאַר שוואַך, איינגעקשנט און פאַרפרוירן.. זי האָט איצט דעם מאָנאָפּאָל אין רעליגיעזע פראַגן און איז אַנטשיידן קעגן עפענען די טויערן

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / ניו־יאָרק

# לידער

## כ'האָב געמיינט כ'האָב געזען...

כ'האָב געמיינט כ'האָב געזען אַ שאָטן זיך רירן,
נאָר אַן אָפּגלאַנץ געווען,
כ'האָב געלאָזט זיך פֿאַרפֿירן,
כ'האָב קיינעם דאָרט נישט געזען.

געדאַכט זיך מ'האָט מיין קלאַפּן אין טיר,
אַ נעכטיקער טאָג,
נישט געטאָן זיך קיין ריר,
אומזיסט איז געווען דאָרט מיין קלאַפּן.

פֿאַרביסן אין זיך אַפֿילו דער ווינט,
וואָס ווייעט פֿאַרביי צו די פֿליינען,
און נאָר זיינע אייגענע ווייען־און־ווינד
טוט ער פֿאַר זיך נאָר באַוויינען.

## ווייטיקע באַטראַכטונגען

פֿאַר ווייטיקע באַטראַכטונגען
נישטאָ קיין צייט.
ווי פֿאַסט זיך עס אַריין
אין ענגען פּאַק רעיונות,
ס'נענטערט זיך דאָס ברומען אויף רעלסן
פֿון דער ווייט...
נאָר פֿאָרט,
צי האָט די וואַזאָנע נאָך אַ בלעטעלע געהאַט?

---

פֿאַר פֿרישע ווינטן און מחשבות. עס עק־זיסטירן אין ישראל אַ פּאָר טוצן שולן און מנינים פֿון קאָנסערוואַטיווע און רעפֿאָר־מירטע יידן. זיי זיינען אויפֿגעקומען טראָץ דעם אָרטאָדאָקסישן „עסטאַבלישמענט“ און קענען זיין ווילן. אַלץ וואָס איז זיי דער־לויבט איז צוזאַמענקומען זיך פֿאַר תּפֿי־לות. זיי קריגן ניט קיין שום רעגירונגס שטיצע, זייערע רבנים זיינען ניט אנער־קענט און קענען ניט אָנפֿירן קיין שום עפֿנטלעכן צערעמאָניאַל.

ווי לאַנג דער היינטיקער „סטאַטוס קוואָ“ וועט אָנהאַלטן איז שווער צו זאָגן. דאָס ווענדט זיך הויפּטזעכלעך אויף צוויי פֿאַקטאָרן: 1) אַ גרויסע עליה פֿון רעפֿאָר־מירטע און קאָנסערוואַטיווע יידן פֿון אַמע־ריקע, וואָס וועט אויסאיבן איר שטאַרקן דרוק אויף דער עפֿנטלעכער מיינונג און דער כנסת; און ב) אַן ענדגילטיקער שלום מיט די אַראַבער, וואָס וועט באַפֿרייען די גייסטיקע ענערגיעס פֿון דער באַפֿעלקע־רונג פֿאַר אינערלעכע ענינים. ביידע אַנט־וויקלונגען שיינען צו זיין ווייט אין דער צוקונפֿט.